בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת חקת תשע"ז | פרק ה' | גליון 415 [שנה ט']

**די שייכות פון פרה אדומה מיט קרבן פסח**

וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר: זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר־צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה: (יט א) לכאורה איז שווער פארוואס דארף שטיין צוויי מאל לֵאמֹר? נאר מען דארף מקדים זיין א מדרש (במדבר רבה פרשה י"ט) יְהִי־לִבִּי תָמִים בְּחֻקֶּיךָ (תהלים קיט פ) וואס איז די לשון בְּחֻקֶּיךָ דיינע חוקים? זו חוקת הפסח וחוקת פָּרָה אֲדוּמָּה, ווייל זיי זענען ביידע גלייך, ביי פָּרָה אֲדוּמָּה שטייט זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה און פסח זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח (שמות יב מג), אבער די פרה אדומה איז גרעסער ווייל כדי צו קענען עסן די קרבן פסח דארף מען פריערט האבן די פרה אזוי ווי עס שטייט (פסוק יז) וְלָקְחוּ לַטָּמֵא מֵעֲפַר שְׂרֵפַת הַחַטָּאת ע"כ המדרש. וועגן דעם טעם גייט שבת פרה פאר פון שבת החודש ווייל אין חודש ניסן וועט מען שוין דארפן די פרה זיך צו מטהר זיין. לויט דעם קען מען פארשטיין: וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר צו זאגן צו די אידן: זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה', פארוואס דארף מען זיי דאס זאגן פריערט? ווייל לֵאמֹר, מען דארף זיי זאגן נאך א חוקה פון פסח, וואס איז תלוי אין דעם חוקה, און ווייל די תורה שרייבט נישט זֹאת חֻקַּת הַפָּרָה נאר חֻקַּת הַתּוֹרָה, דעריבער פירט אויס דער פסוק דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה, אז די חֻקַּת הַתּוֹרָה מיינט די פרה און דאס איז פריערט. (עוד יוסף חי – בן איש חי)

**כל המקבל עליו על תורה, מעבירין ממנו על מלכות ועל דרך ארץ**

זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה וגו' אֲשֶׁר לֹא־עָלָה עָלֶיהָ עֹל: (יט א) די תורה איז מרמז דאס וואס שטייט אין פרקי אבות (פרק ג משנה ה) כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה, מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עֹל מַלְכוּת וְעֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ. דאס מיינט זֹאת – די תורה אזוי ווי עס שטייט וזאת התורה– ווען א מענטש איז עוסק אין תורה, איז אֲשֶׁר לֹא־עָלָה עָלֶיהָ עֹל, וועט נישט ארויפגיין אויף דיר א עול מלכות ועול דרך ארץ. (חי' ידידי' הלוי זילבערמאן ח"א)

**גזירה היא מלפני אין לך רשות להרהר אחריה**

זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה: (יט א) זאגט רש"י לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה לפיכך כתב בה חוקה גזירה היא מלפני אין לך רשות להרהר אחריה. צו פארשטיין וואס איז די כוונה פון די אומות העולם צו פרעגן פונקט דא מה טעם? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס רש"י ברענגט מיסודו של ר' משה הדרשן וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ, מִשֶּׁלָּהֶם, כְּשֵׁם שֶׁהֵם פֵּרְקוּ נִזְמֵי הַזָּהָב לָעֵגֶל משלהם כך יביאו זו לכפרה משלהם פָּרָה אֲדוּמָּה משל לבן שפחה שטינף פלטין של מלך אמרו תבוא אמו ותקנח הצואה כך תבוא פרה ותכפר על העגל. ממילא זעט מען אז די ענין פון פָּרָה אֲדוּמָּה איז א כפרה אויפן חטא העגל, דעריבער ווילן די אומות העולם פרעגן די טעם פון פרה און מען זאל זיי ענטפערן אז עס איז וועגן חטא העגל, ממילא וועלן זיי חלילה מקטרג זיין אויף כלל ישראל, דעריבער זאגט די רבש"ע גזירה היא מלפני, עס איז א חוק און איר האט נישט רשות צו מהרהר זיין אויף דער מצוה. (אבני שוהם –משה ליב שחר)

**כַּךְ הִיא דַּרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה**

זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה: (יט א) שטייט אין גמ' (ברכות דף סג:) אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה שנא' (במדבר יט, יד) זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי־יָמוּת בְּאֹהֶל, זעט מען אז מען דארף זיך צו פלאגן אין תורה, און חז"ל זאגן (אבות פ"ו מ"ד) כַּךְ הִיא דַּרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, פַּת בַּמֶּלַח תֹּאכֵל וּמַיִם בַּמְּשׂוּרָה תִּשְׁתֶּה וְעַל הָאָרֶץ תִּישַׁן וְחַיֵּי צַעַר תִּחְיֶה וּבַתּוֹרָה אַתָּה עָמֵל אִם אַתָּה עֹשֶׂה כֵּן (תהלים קכח ב): אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ. און באמת זעט מען ביי יעקב אבינו וואס ער האט געזאגט הָיִיתִי בַיּוֹם אֲכָלַנִי חֹרֶב וְקֶרַח בַּלָּיְלָה וַתִּדַּד שְׁנָתִי מֵעֵינָי (בראשית לא מ) און אזוי האט ער געלערנט תורה, קען מען דאס מרמז זיין אין פסוק חֻקַּת הַתּוֹרָה און "חֻקַּת" איז די ר"ת ח'רב ק'רח ת'דד. אזוי דארף מען לערנען כדי קונה זיין תורה.
(שאר ישוב –שפירא אדמו"ר מקיוויאשד)

**שיינע דרוש - דער חילוק מלחמת סיחון און מלחמת עוג מלך הבשן**

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אַל־תִּירָא אֹתוֹ כִּי בְיָדְךָ נָתַתִּי אֹתוֹ וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ וְאֶת־אַרְצוֹ: (כא לד) עס זענען דא צוויי מלחמות אין די פרשה, א מלחמה מיט סיחון און א מלחמה מיט עוג מלך הבשן. פרעגט דער הייליגער צל"ח פארוואס ביי מלחמת סיחון שטייט וַיֵּצֵא לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל הַמִּדְבָּרָה וַיָּבֹא יָהְצָה וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל: (כא כג) אז זיי זענען טאקע געגאנגען א מלחמה מיט כלל ישראל אבער ביי די מלחמה מיט עוג שטייט וַיֵּצֵא עוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן לִקְרָאתָם הוּא וְכָל־עַמּוֹ לַמִּלְחָמָה אֶדְרֶעִי (כא לג) אז עוג איז געגאנגען מלחמה האלטן אבער עס שטייט נישט אז ער האט למעשה מלחמה געהאלטן? און ענטפערט: אז די גמ' (ברכות דף נד:) דערציילט איינע פון די ניסים ביי כלל ישראל "אֶבֶן שבקש לזרוק על ישראל גמרא גמירי לה" אז עוג מלך הבשן האט אויסגעריסען א בארג און האט דאס געוואלט דעם בארגווארפן אויף כלל ישראל און זיי באגראבן חלילה און עס איז געשען א נס אז נמלים האבן געמאכט א לאך אין בארג און זיינע ציינער זענען געווארן שטארק ארויסגעשטעקט און ער האט גארנישט געקענט טאן עיי"ש, זאגט די גמ' אז דער מעשה האט נישט א מקור נאר עס איז בקבלה, זאגט דער צל"ח אז דער מקור איז פון אונזערע פסוקים, ווייל ביי סיחון איז געווען א נארמאלע מלחמה און די אידן האבן זיי צוריק געשלאגן, דעריבער שטייט וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל, אבער עוג האט דאך גענומען א בארג און דאס איז געווען זיין מלחמה אבער דער נס איז געשען און ער האט נישט געקענט ווארפן דער בארג, דעריבער שטייט נאר וַיֵּצֵא עוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן לִקְרָאתָם אבער ער האט נישט געמאכט א מלחמה, און ווי אזוי האט מען געוואונען? שטייט וַיֹּאמֶר ה' אֶל־מֹשֶׁה אַל־תִּירָא אֹתוֹ כִּי בְיָדְךָ נָתַתִּי אֹתוֹ, און וואס מיינט בְּיָדְךָ נָתַתִּי? צו מרמז זיין וואס עס שטייט דארט אין די גמ' אז נאכדעם וואס עוג האט נישט געקענט ווארפן דעם בארג האט אים משה געקעבן א קלאפ און אים געהארגעט ע"כ הצל"ח, וואלט מען געקענט צולייגן אז לכאורה איז דא א שטארקן דיוק פארוואס ביי מלחמת סיחון שטייט וַיַּכֵּהוּ יִשְׂרָאֵל לְפִי־חָרֶב (כא כד) שטייט לְפִי־חָרֶב, און ביי עוג שטייט וַיַּכּוּ אֹתוֹ וְאֶת־בָּנָיו וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ און עס שטייט נישט לְפִי־חָרֶב? נאר לויט די צל"ח איז גוט ווייל ביי סיחון וואס די מלחמה איז געווען מיט א חרב האבן די אידן צוריק געשלאגן מיטן חרב, דעריבער שטייט לְפִי־חָרֶב, אבער ביי עוג וואס איז געקומען מיטן בארג און נישט מיט א חרב שטייט נישט לְפִי־חָרֶב, און אזוי אויך שטייט וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת־עֲמָלֵק וְאֶת־עַמּוֹ לְפִי־חָרֶב: (שמות יז יג) ווייל עמלק איז געקומען מיטן חרב איז די אידן צוריקגעגאנגען מיטן חרב, מיט דעם איז גוט פארוואס שטייט

אַל־תִּירָא אֹתוֹ כִּי ״בְיָדְךָ ״נָתַתִּי אֹתוֹ, ווייל משה האט נישט געוואוסט ווי אזוי וועט ער קענען געווינען עוג, האט אים דער אויבערשטער געזאגט –נָתַתִּי אֹתוֹ– דיינע הענט וואס האבן געהאלטן די שני לוחות, מיטן כח התורה, וועסטו מתגבר זיין אויף עוג און דאס האט געגעבן משה די כח, ואהביו כצאת השמש בגבורתו, און האט געהרגעט עוג מלך הבשן. (בית ישראל השלם למוח״ז אדמו״ר ממאטעטרסדארף)

## מדור העובדות

## קאזניצער מגיד שיקט זיין חסיד לערנען מדת הבטחון

ר׳ משה איז געווען א נאנטער חסיד פון הייליגן מגיד פון קאזניץ הרה״ק ר׳ ישראל דער בעל עבודת ישראל, ער האט געהאט עטליכע טעכטער אויף צו מאכן שידוכים אבער ער האט נישט געהאלטן קיין געלט אויף נדן, און וויפיל ער האט געבעטן זיין רבין האט אים דער רבי כסדר געענטפערט אז ער זאל זיך מחזק זיין אין בטחון און אזוי וועט דער אויבערשטער אים צושיקן אלעם וואס ער דארף, אבער ר׳ משה זעט נישט א וועג ארויס און פארט צוריק צום מגיד און ער הייסט אים פארן אין א שטעטל און דארט איז דא א קרעטשמע וואס פון בעה״ב וועסטו לערנען וואס הייסט בטחון, ר׳ משה פארט אהין און זעט א קרעטשמע אנגעפילט מיט מענטשן און דער בעל הבית איז א ווארעמער מכנים אורח וואס גיט פאר אסאך ארעמעלייט עסן בשפע, ער פארשטייט נישט ווי קען ער לערנען בטחון פון א איד וואס איז א עושר וואס ביי אים איז נישט קיין חידוש אז ער קען העלפן אידן, ר׳ משה דרייט זיך דארט א שטיק צייט ביז ער נעמט די שטאלץ און פרעגט דער בעל הבית וואס מיינט זיין רבי אז ער האט אים דא געשיקט זיך לערנען פון דיר וואס מיינט אמת׳ע בטחון, אבער איך זע דאס נישט! ווייל דו ביזט א גרויסער עושר איז נישט קיין וואונדער אז דו ביזט רוהיג און האסט בטחון!

האט דער בעל הבית געענטפערט אז ער איז אויך א חסיד פון קאזניצער מגיד און דעריבער וועל איך דיר דערציילן מיין סוד, און ער זאגט ר׳ משה ער זאל קומען מיט אים אין זיין אוצר, וואס נאר ער האט א שליסל. ר׳ משה קומט אריין אין צימער און זעט נישט קיין אוצר נאר א טיש און א בענקל! דער בעל הבית זאגט אים, אז ער באמת פארמאגט נישט קיין געלט אדער אוצרות נאר די טיש און בענקל מיט זיין בוך פון צדקה, און ווען ער דארף געלט גייט ער אריין און עפענט זיין מויל און הארץ און רעדט צום אויבערשטן וואס ער דארף און דער אויבערשטן שיקט אים וויפל ער דארף!

און ער זאגט וועסט זען ווי דער אויבערשטער שיקט זיין געלט! און זיי גייען ארויס פון צימער און דעמאלטס איז אנגעקומען א שליח פון פריץ און זאגט אז מען דארף שוין צוויי טויזנט גאלדענע רענדלאך פאר שכירות און דער בעל הבית ענטפערט פארן שליח אז ער וועט באלד אונטערשיקן די געלט, דער בעל הבית זאגט פאר ר׳ משה האסט געזען אז איך האב נישט יעצט וואס צו געבן פארן פריץ אבער איך האב בטחון אז דער אויבערשטער וועט מיר שיקן אלעם און ער גייט אריין ביי אים אין אוצר און זעצט זיך ביים טיש און בעט דעם אויבערשטן אז ער זאל אים שיקן די שכירות און גייט ארויס פון צימער מיט א רוהיגקייט און זיכערקייט, און אין א קורצע צייט קומט צו אים א גרויסער שר פון די ארמיי און בעט אים אז ער דארף יעצט גיין אין מלחמה און לאזט איבער זיין אוצר ביי אים ווייל ער איז א איש נאמן און זאגט איך גיב דיר יעצט צוויי טויזנט גאלדענע רענדלאך פאר געהאלט, און ווען איך קום צוריק וועסטו מיר צוריקגעבן מיין אוצר, ר׳ משה גייט ארויס פון התפעלות און זעט וואס זיין הייליגער רבי האט געזען! דער בעל הבית זאגט ר׳ משה אז ער האט דא געלערנט מדת הבטחון און אזוי זאל ער טאן און ער וועט אלעמאל האבן געלט און ער וויל זיך געזעגנען.

אבער ר׳ משה זאגט פארן בעל הבית אז ער האט נישט קיין געלט אויף אהיים צופארן! פרעגט אים דער בעל הבית האסט אזוי שנעל שוין פארגעסן די מדת הבטחון, איך האב דיר געוויזן וואס דו דארפסט טאן! ר׳ משה בייגט די קאפ מיט פארשטאנד און דער בעל הבית זאגט: גוט! יעצט גיב איך דיר צוויי הונדערט גאלדענע רענדלאך, אבער פון יעצט און ווייטער מוזטו האבן שטארקע בטחון און בעטן דעם אויבערשטן און ער וועט דיר געבן!

ר׳ משה פארשטייט און גייט אין וועג ווען אנקעגן אים קומט א קארעטע פון א שר און אונטער אים זיצן א משפחה פון אידן און וויינען צו ר׳ משה ער זאל מרחם זיין אויף זיי און אויסלייזן פון תפיסה! ר׳ משה גייט צום שר און רעדט צו אים און פרעגט וויפל דארף מען מען אויסלייז געלט? האט ער געענטפערט צוויי הונדערט גאלדענע רענדלאך מיט נאך אפאר זלאטעס, זאגט ר׳ משה אז ער האט נאר 200 רענדלאך! אבער דער שר זאגט שטרענג ער דארף די גאנצע געלט! ר׳ משה זאגט פארן שר ער האט א פאר חפצים וואס האבן די ווערט פון די פאר זלאטעס און גיט דאס אויך פארן שר און דער שר באפרייט די משפחה פון געפענגעניש.

ר׳ משה האט יעצט נישט גיין גראשן אבער איז בשמחה מיט אזא הייליגע מצוה פון פדיון שבויים און ער גייט אויפן זייט און ער רעדט צום אויבערשטן ער זאל אים העלפן מיט געלט און קענען חתונה מאכן זיינע קינדער, עס איז געווארן נאכט און ר׳ משה איז אריין אין א קרעטשמע און זעצט זיך ביי א טיש און רעדט ווייטער צום אויבערשטן ווען א שר זעצט זיך אקעגן אים און זאגט אים, איך האב געהערט אז דו פארסט קיין קאזניץ און איך שַטאם פון יענעם געגנט און איך האט א ברודער וואס וואוינט נאנט צו קאזניץ, און זאגט ווי ער הייסט און וואו ער וואוינט, און איך דארף אים וויכטיג שיקן געלט, און איך קען דיין גאנצע משפחה פאר ערליכע מענטשן, איך וועל דיר דינגען א וואגן און פאר אהין און זאלסט גלייך איבערגעבן די געלט פאר מיין ברודער, און איך גיב דיר 200 גאלדענע רענדלאך פאר דיין שכר טירחא. ר׳ משה נעמט דער אוצר און פארט גלייך צום אדרעס וואס דער שר האט אים געגעבן און פרעגט וואו וואוינט דער און דער מענטש? אבער קיינער האט נישט געהערט פון אזא מענטש! ר׳ משה ווייסט נישט וואס צו טאן ער איז שנעל געפארן צום קאזניצער מגיד געבן שלום און פרעגן וואס צו טאן מיטן אוצר?

דער הייליגער מגיד האט געזאגט אז דער שר איז געווען א מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון די מצוה פון פדיון שבויים און די אוצר איז דיינס, און ווען דו וועסט האבן בטחון וועסטו מצליח זיין מיט די געלט. ר׳ משה האט זיך געזעגנט פון רבין און מיט די צייט געווארען א עושר און חתונה געמאכט זיינע טעכטער, אבער די שמחה איז געווען אז ער האט געלערנט מדת הבטחון וואס ברענגט א רוהיגקייט אויפן מענטש זיע״א. (שיחות יקרים שטערן)


**הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן**

*סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500 שערי ציון דפוס זיטאמיר $1600 מדרש רבה דפוס זיטאמיר, ספר זרע בירך דפוס ראשון מסוגל לשמירה, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ״א עפ״י האריז״ל $5000, חובת הלבבות שנת ש״ח מצב יפה רק חסר השער $3000,, סעט זוהר הק׳ דפוס זיטאמיר מצב יפה מכורך $3000, שו״ע או״ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג׳ חלקים. תהלים עם ע״ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע״ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, ספר זוהר הרקיע להאריז״ל דפוס קארעץ, ספר מבוא שערים לר׳ חיים וויטאל דפוס קארעץ,*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, We can also pick up for free on large quantities.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמות? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען צו אונז בחינם.

אויב איר דארפט ספרים פאר אייער זוממער פלאץ קענט איר אונז בעטן און מיר וועלן אייך אוועקגעבן גענוצטע גוטע ספרים בחנם

קומט און ברענגט דעם גליון צו אייך אין קאנטרי און זייט מהנה די רבים עס איז שוין פארטיג מיטוואך, א געזונטע זוממער